בעזהשי״ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע

**מאת הרה״ח ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס ל״ט, במדבר (בחקותי בחו״ל), תשע״ט

# תוכן השיעור


'בדבר אחד אין שייך מחלוקת'

'לא להראות לפני גדולים'

'חלקי ה' אמרתי לשמור דבריך'

'לך - אמר לבי בקשי פני'

"ווילסט אבער ווערן"

'כל עוד שהיא תקועה בלבי'

"באהארצן דאס הארץ"

'לא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני'

'איש סחו אחריו ה' הוא האלקים'

"אט דאס זוכן מיר דאך"!

"איך בין נישט קיין סוחר פון סמַאלע"

"אויף דעם דארף איך דיר צוצאלן"...

'פרי הארץ לגאון ולתפארת'

'תפארת בנים אבותם'

'הכרת פניו ענתה בו'

'אור בהירות הדרך'

'אל תתהדר לפני מלך'

'מרבה נכסים'...

"דער וואס האט נישט קיין געלט"...

'חייכית בהון בעותרא בהאי עלמא'


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 39**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת אחרי-קדושים (ב'), תשל"ד

(טייפ מס' 32#)

## 'בדבר אחד אין שייך מחלוקת'

(מתוך שיעור בליקוטי מוהר"ן סימן קל"ו):[א] - - - אפילו ער איז גרעסער פונעם חבר, זאל ער נישט ארויסווייזן זיין גרויסקייט, נאר גלייך ווי זיי זענען ביידע גלייך!

דער רבי זאגט טאקע: "מען זאל נישט ווייזן קיין חסידות פאר יענעם"! אז מען האט א חבר דארף איך נישט ארויסווייזן - (מיין גרויסקייט פאר איהם)!

"דאס חסידות זאל מען נישט ווייזן פאר א גדול" - ברענגט דער רבי אין ספר האל"ף בי"ת (ספר המדות),[ב] מען זאל נישט ארויסווייזן קיין חסידות פאר יענעם! יענער איז א גדול, ווייז נישט ארוים, פאק נישט ארוים דיינס!

אפילו א חבר, צוויי חברים, ער איז טאקע גרעסער פון יענעם, אבער אז ער רעדט מיט יענעם זאל ער זיך מאכן ווי ער איז גלייך מיט יענעם, נישט ווייזן קיין גרויסקייט פאר יענעם!

דאס מיינט דער רבי דא: זיי זענען ביידע גלייך, "וְאָז הֵם בְּמָקוֹם אֶחָד הַיְנוּ בְּמַדְרֵגָה אַחַת"! ווייל אין דער אמת'ן זענען נישט ביידע גלייך, נאר ער זאל זיך נישט ווייזן מיט קיין גרויסקייט צו יענעם, אזוי האט יענער נישט קיין קנאה אויף איהם, קען

[א] וז"ל שם: כְּשֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת עַל אָדָם, צָרִיךְ לַחֲקֹר לִמְצֹא זְכוּת בַּחֲבֵרוֹ בַּמֶּה שֶׁחוֹלֵק עָלָיו, כְּדֵי לְדוּנוֹ לְכַף זְכוּת. כִּי הַמַּחֲלֹקֶת לֹא יִמְנַע מִשְּׁנֵי פָּנִים, אוֹ מֵחֲמַת שֶׁחֲבֵירוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ בְּמַעֲלָה, וְעַל כֵּן חוֹלֵק עָלָיו עַל שֶׁלֹּא הִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ, וַאֲזַי צָרִיךְ לְהִשְׁתַּדֵּל שֶׁיַּגִּיעַ הוּא גַּם כֵּן לְמַדְרֵגַת חֲבֵרוֹ, בִּכְדֵי שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם שָׁוִים, וַאֲזַי לֹא יִהְיֶה מַחֲלֹקֶת. אוֹ לִפְעָמִים לְהֵפֶךְ, שֶׁהוּא גָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ, וְהַמַּחֲלֹקֶת מֵחֲמַת שֶׁחֲבֵרוֹ מִתְקַנֵּא בּוֹ, עַל שֶׁלֹּא הִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ, וְעַל כֵּן צָרִיךְ לְדוּנוֹ לְכַף זְכוּת, וּבָזֶה הוּא מַעֲלֶה חֲבֵרוֹ לְכַף זְכוּת, וְאָז הֵם בְּמָקוֹם אֶחָד הַיְנוּ בְּמַדְרֵגָה אַחַת, וַאֲזַי בְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה מַחֲלֹקֶת...

[ב] ספר המדות, ערך צדיק - אות צ"ז: יֵשׁ לְהִזָּהֵר מִלְּהַרְאוֹת חֲסִידוּת לִפְנֵי גְּדוֹלִים.

ער נישט מקנא זיין און קריגן זיך, ער זאל ווייזן גלייך ווי מען איזביידע גלייך, אבער דער אמת זענען זיי נישט גלייך!

דער רבי זאגט טאקע,[ג] אז דער צדיק לאזט זיך אראפ, גלייך ווי ער וואלט געווען זיינער א חבר.

(השואל: מען דארף זיך דאך האלטן קלענער פון יענעם?!) אבער על כל פנים גרעסער נישט! אז ער האלט זיך גרעסער, זענען זיי ביידע נישט אויף איין ארט, קריגט ער זיך מיט איהם!

אבער אז ער וועט זיך האלטן גלייך מיט יענעם, איך בין דאך נישט גרעסער, זאגט דער רבי (שם): "כִּי בְּדָבָר אֶחָד אֵין שַׁיָּךְ מַחֲלֹקֶת"! אפילו ער איז פיל גרעסער פון יענעם, זאל ער מאכן יענעם פאר א חבר! ער איז מיינער א חבר! ער איז מיינער, איך גלייך זיך מיט איהם! וועט יענער זעהן אז ער האלט זיך נישט גרעסער פון איהם!

אבער אז ער האלט זיך גרעסער, הייבט ער אָן בלאזן אויף איהם, "פארוואס טוסטו אזוי? פאוואס אזוי"?! ווערט דערפון א קריגעריי.

*

וּבָזֶה שֶׁמַּעֲלֶה אֶת חֲבֵרוֹ לְכַף זְכוּת, יוּכַל לִהְיוֹת שֶׁחֲבֵרוֹ יַחֲזֹר בּוֹ, וְלֹא יִהְיֶה שׁוּב מַחֲלֹקֶת, אוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מַפָּלָה, כִּי יוּכַל לִהְיוֹת שֶׁנֶּחֱלִים אַתָּה חוֹתֶה עַל רֹאשׁוֹ בָּזֶה שֶׁאַתָּה מַעֲלֵהוּ לְכַף זְכוּת. אויב יענער איז נאר א פראסטער קריגער, און דו ביסט איהם דן לכף זכות, מאכסטו יענעם ערגער! (- שיהיה לו מפלה).

אז יענער מיינט טאקע פשוט, ער איז דיר מקנא וואס דו ביסט גרעסער פון איהם, און מען גלייכט זיך אויס ביידע, וועט ער אויפהערן קריגן, אבער אז יענער וויל פשוט זיך קריגן, און דו ביסט איהם דן לכף זכות, וועט ווערן יענעם ערגער.

וְזֶהוּ 'הֱוֵי דָּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת', 'דָּן' דַּיְקָא, כִּי הוּא בְּחִינַת דִּין וּמִשְׁפָּט מַמָּשׁ. כִּי יָדוּעַ שֶׁקֹּדֶם שֶׁעוֹלִין לְאֵיזֶה מַדְרֵגָה, דָּנִין אֶת הָאָדָם. וְעַל־כֵּן

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ל"ח ותו' צ"א, ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות ט"ז, ובס' כוכבי אור - מעשה מהאינדיק.

**בָּזֶה שֶׁאַתָּה דָּן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, וְאַתָּה מַעֲלֵהוּ לְמַדְרֵגָה יוֹתֵר גָּבוֹהַ, דָּנִין אוֹתוֹ, וּכְפִי שֶׁיֵּצֵא הַמִּשְׁפָּט כֵּן יָקוּם.**

*

זיין כוונה דארף נישט זיין דאס דאזיגע - אז יענער זאל האבן א מפלה! נאר פשוט איהם דן זיין לכף זכות, נאר דאס איז שוין ממילא! אויבן וועט מען שוין מאכן א משפט!

אויב זיין קריגן איז דערפאר ווייל ער איז איהם מקנא, וועט ער זיך אויסגלייכן וועט ווערן שטיל, אבער טאמער מיינט ער גארנישט דאס דאזיגע, נאר פשוט ער וויל זיך קריגן מיט יענעם, און ער איז איהם דן לכף זכות, איז **"גחלים אתה חותה על ראשו"!**

*

## 'לא להראות לפני גדולים'

דאס איז א לימוד, אז מען קומט צו יענעם, פאק נישט ארויס דיינע גרויסקייטן, דיינע מעשה'ס, גלייך זיך מיט יענעם!

(ר' יוחנן גאלאנט ז"ל: "יש להיזהר מלהראות חסידות לפני גדולים"), יא, דער רבי זאגט דאך אזוי אין ספר המידות, מען זאל נישט ארויסווייזן קיין גרויסקייט פאר יענעם! אז פאר א גדול ווייזט מען גדלות איז א געוואלדיגער קטרוג אויף איהם, מען טאר עס נישט!

*

ביי דעם רבי'ן ר' אלימלך איז געווען זיין שטייגער, ער פלעגט פרעגן א קשיא, די חסידים האבן שוין געוואוסט אז ער וועט אליין ענטפערן, ער האט א קשיא געפרעגט, האבן אלע געשוויגן, דערנאך האט ער געענטפערט.

רבי משה לייב סאסוב'ער איז געווען א תלמיד ביי רבי שמעלקע ניקלשבורג'ער, אז רבי שמעלקע איז נפטר געווארן איז ער געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, ער האט נישט געוואוסט אז ביים רבי'ן ר' אלימלך גייט עס אזוי, דער רבי אלימלך האט געפרעגט א

קשיא, האט ער (ר' משה לייב) געענטפערט, ער האט געענטפערט א תירוץ! ער האט נישט געוואוסט.

דער רבי אלימלך איז אריין אין א באזונדער חדר, ער האט געוואלט מעניש זיין ר' משה לייב'ן, איז געקומען דער רבי שמעלקע, ער איז געקומען פון יענעם עולם: "טשעפעט איהם נישט, ער איז א גרויסע כלי, טשעפעט איהם נישט"!

נאכדעם איז ער געקומען ווייטער צו ר' משה לייב'ן: "אבער מער זאלסטו נישט האבן מיט איהם צוטוהן, ער איז א פייער! קוים האב איך דיר גע'פועל'ט, איך האב דיר געראטעוועט פון איהם! אז דער רבי ר' אלימלך פרעגט, זאלסטו שווייגן! איך האב זיך אויסגעבעטן ביי איהם ער זאל דיר נישט מעניש זיין, אבער מער אזוי זאלסטו נישט טוהן, אז ער פרעגט זאלסטו שווייגן"!!!

ער האט נישט געוואוסט דעם גאנג אזוי, (האט ער געטראכט:) "ער האט דאך נאר געוואלט פרעגן א זאך, אז דער צדיק פרעגט דארף מען דאך נישט שווייגן, וועט ער ענטפערן"! האט ער געענטפערט.

אז דו קומסט צו א גדול ווייז נישט קיין גדלות! ווייז נישט און ענטפער נישט! אז ער פרעגט, שווייג! ער וועט ענטפערן!

* * *

# 'חלקי ה' אמרתי לשמור דבריך'

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן סימן קל"ז): "חֶלְקִי ה' אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ" (תְּהִלִּים קי"ט), זאגט דער רבי אזוי: הַיְנוּ שֶׁהַחֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל שֶׁיֵּשׁ לִי, מיין "חלק אלוקי" וואס איך האב אין זיך פון אויבן, אוֹמֵר לִי וּמְלַמֵּד אוֹתִי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ, זאגט מיר איך זאל היטן דיינע רייד!

דער "חלק אלוקי" וואס איך האב אין זיך, לערנט מיר און זאגט מיר איך זאל היטן דיינע רייד!

אט דאס איז דער "הרהור תשובה", אז ס'קומט א הרהור תשובה, דאס איז דער "חלק אלוקי" וואס זאגט מיר: "היט די תורה, היט די תורה"!

יעדער האט דאך א "חלק אלוקי", יעדער! אז ער האט א גרעסערן חלק זאגט מען איהם מערער!

* * *

# 'לך - אמר לבי בקשי פני'

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן סימן קל"ח): "**לְךָ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָּנַי**" (שָׁם כ"ז), **פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י**: וואס הייסט "לך"? "לך" הייסט **בִּשְׁלִיחוּתְךָ**! ער רעדט דאך צום אויבערשטן - דוד המלך - "וואס מיין הארץ זאגט מיר אמאל, דאס איז א שליחות פונעם אויבערשטן"!

אז דער אויבערשטער דארף מיר זאגן: "בקשו פני - זוך מיר", דעמאלטס זאגט מיר מיין הארץ א "שליחות" פאר דיר, מיין הארץ איז א שליח פון דיר! דער אויבערשטער שיקט דאס מיין הארץ זאל מיר זאגן "זוך מיר"! **בקשו פני!**

**כִּי עִקַּר הָאֱלֹקוּת בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם ע"ג): "**צוּר לְבָבִי**" **כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ בְּמָקוֹם אַחֵר** (לְעֵיל בְּסִימָן מ"ט). **וּמִי שֶׁהוּא "בַּר לֵבָב"** (שָׁם כ"ד),

דער וואס איז א "בר לבב", אה, ער האט א ריין הארץ, א לויטער הארץ, **בִּבְחִינַת** (שָׁם ק"ט): "**וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי**", דאס הארץ איז הויל, ס'האט נישט אין זיך קיין שום שלעכטע בלוטן, קיין שום תאוות, א ריין הארץ, א הויל הארץ, **יוּכַל לֵידַע עֲתִידוֹת**, דער קען וויסן עתידות, **עַל־יְדֵי מַה שֶׁהַלֵּב אוֹמֵר לוֹ, שֶׁהוּא דִּבְרֵי ה' מַמָּשׁ.**

אז א מענטש האט נישט קיין ריין הארץ - דער 'אויבערשטער' זאגט איהם? זיינע 'נארישקייטן' זאגן איהם!... אז ער האט א 'בר לב', ער האט א 'ריין הארץ', איז דאס א שליחות פונעם אויבערשטן, זאגט איהם דער אויבערשטער "טוה אזוי, טוה אזוי"!

**וְזֶהוּ "לְךָ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָּנַי", 'לְךָ בִּשְׁלִיחוּתְךָ' כַּנַּ"ל. כִּי מַה שֶׁהַלֵּב אוֹמֵר, הֵם דִּבְרֵי ה' מַמָּשׁ כַּנַּ"ל, וְהָבֵן.**

נאר ווען? אז מען האט א ריין הארץ, לבי חלל בקרבי, און דאס הארץ זאגט איהם עפעס א זאך, איז דאס א שליחות פונעם אויבערשטן: "בקשו פני, זוך מיר! זוך מיר"!

* * *

# "ווילסט אבער ווען"

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן סימן קל"ט): **צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו ... וַאֲזַי עוֹלָה הַמִּצְוָה וְהוֹלֶכֶת לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּהּ, אַף אִם נַעֲשֵׂית עַל־יְדֵי קָטָן שֶׁבִּקְטַנִּים, וּבְלִי כַּוָּנָה וּשְׁלֵמוּת הָרָאוּי לְהַמִּצְוָה, עִם כָּל זֶה יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מֵהַמִּצְוָה. כְּמוֹ הָאָב שֶׁיֵּשׁ לוֹ תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁבְּנוֹ מַתְחִיל לַהֲלֹךְ, אַף שֶׁאֵינוֹ הוֹלֵךְ כָּרָאוּי, עִם כָּל זֶה מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ מְאֹד מִמֶּנּוּ, כָּךְ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ מְאֹד מִכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כְּשֶׁעוֹשֶׂה מִצְוָה...**

פון דאן ווייזט אזוי אויס, דער מענטש וויל טאקע די מצוה זאל זיין מיט מער שלימות, נאר וואס דען? ער קען נישט! איז עס ביים אויבערשטן זייער חביב!

דער מענטש דארף טאקע ווען די מצוה טוהן, אבער אז דער מענטש באגענוגט זיך דערמיט, ער וויל גארנישט מערער, איז עס א פגם! ער דארף וויסן אז די מצוה דארף מען טוהן מיט א שלימות, מיט א כוונה פאר'ן אויבערשטן, אזוי ווי מען טוהט א מצוה, נאר אז ער האט נישט דעם שלימות, ער האט נישט די כוונה, איז עס ביים אויבערשטן זייער חשוב, ווייל ער וויל כאטש! אבער אז ער וויל גארנישט, איז עס א פגם!

דער "רצון" איז ביים אויבערשטן זייער חשוב, א מענטש האט א רצון אויף גוטס, ער האט א רצון צו דאווענען, ער וויל דאווענען, ער וויל זיך ציען צום דאווענען, ער וויל נישט האבן קיין מחשובת זרות ביים דאווענען, ער וויל, ער וויל![ד]

*

ס'איז דא א ווארט פון רבי'ן:[ה] **"ווילסט אבער ווען"?!**

---

[ד] עי' שיחות הר"ן אות נ"א: הָעִקָּר הוּא הָרָצוֹן, לִהְיוֹת רְצוֹנוֹ חָזָק וְתַקִּיף תָּמִיד לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאַף־עַל־פִּי שֶׁהַכֹּל חֲפֵצִים וְרוֹצִים לְעָבְדוֹ, אַף־עַל־פִּי־כֵן אֵין כָּל הָרְצוֹנוֹת שָׁוִין. וְיֵשׁ חִלּוּקִים רַבִּים בָּרָצוֹן...

[ה] עי' חיי מוהר"ן אות תקצ"ב: אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים דִּבֵּר עִמּוֹ ז"ל וְאָמַר, אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר "אִיךְ ווִיל זַיין אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד", וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ ז"ל "ווִילְסְטוּ אָבֶער וֶועלְן". וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין כִּי דִּבּוּרִים אֵלּוּ הַמּוּעָטִים מַחֲזִיקִים הַרְבֵּה מְאֹד...

ער וויל טאקע, ער וויל, איז עס ביים אויבערשטן זייער חשוב! אבער דער מענטש דארף זיך נישט לאזן נאַרן, ער דארף זעהן צו וויל ער טאקע! א ווארט פונעם רבי'ן "ווילסטו ווען", אויב ער וויל טאקע! אויב ער וויל איז עס א געוואלדיגע זאך, דעם "ווילן" דארף מען קיינמאל נישט אויפהערן "וועלן", דאס הייסט "געוואלט וועלן"!

אזוי ווי א מענטש וויל עפעס א גשמיות'דיגע זאך, הערט ער נישט אויף צו וועלן, ער וויל און וויל, ביז ער באקומט עס!

*

# 'כל עוד שהיא תקועה בלבי'

**עס שטייט טאקע אין מדרש[ו] אויפ'ן פסוק: "אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ", זאגט דער מדרש "עוד שתחפץ"!**

די אידן זאגן דארט צו די אומות העולם, "אם תעירו", דאס איז א לשון שנאה, וואס איר ווילט מאכן א שנאה - "תעוררו" - דערוועקן א קריג! אזוי זאגן די אידן צו די אומות העולם, "אם תעירו ואם תעוררו את אהבה", די אהבה וואס מיר האבן צום אויבערשטן, אויב עס "וויל" זיך נאך - קענט איר גארנישט מאכן קיין שנאה צווישן אונז! אויב עס "וויל" זיך נאך![ז]

'וויפיל מען איז' און 'ווי אזוי מען איז' - דער עיקר איז אז עס הערט זיך אויף צו "וועלן", דאס טויג נישט! אז מען הערט שוין אויף צו וועלן, מיט דעם נעמען זיי איין די מלחמה! אבער אז "עוד שתחפץ" - כל זמן מיר ווילן נאך אינעם אויבערשטן, וועט אייך גארנישט העלפן!

*

[ו] עי' רש"י שיר השירים ב' ז': עד שתחפץ, בכל עוד שהיא תקועה בלבי וכו'.

[ז] עי' ליקוטי הלכות ברכת השחר הל' ה' אות מ"ד: כִּי תֹקֶף הָרָצוֹן הוּא בְּחִינַת אוֹר וְנֵר, שֶׁמֵּאִיר לְהָאָדָם בְּכָל מִינֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים יח) כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי, וְעַל-יְדֵי זֶה (שָׁם) כִּי בְךָ אָרוּץ גְּדוּד וּבֵאלֹקַי אֲדַלֶּג שׁוּר, שֶׁאוּכַל לְהִתְגַּבֵּר נֶגֶד כָּל הַגְּדוּדִים וְהַחֲיָלוֹת וחומות בַּרְזֶל הָרוֹצִים לְהַפְסִיק ח"ו בֵּינִי וּבֵין אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, כִּי אֵיךְ שֶׁהוּא, לִבִּי בּוֹעֵר עֲדַיִן בְּרִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת יָהּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹתָהּ וְכוּ'.

וויפיל? ווי אזוי מען איז! דער רבי האט געזאגט:[ח] **דער עיקר איז דער רצון!** 'קלאמירשט' דאוועגט מען, 'קלאמירשט' לערנט מען, דער עיקר איז דער רצון! וועלן און וועלן!

אזוי ווי בגשמיות וויל א מענטש א זאך, א מאכל - וויל ער דער מאכל זאל זיין גוט, ער זאל הנאה האבן פון דער מאכל, אזוי וואלט איך געוואלט ווען איך טוה א מצוה: איך לייג תפילין, איך טוה אהן ציצית, איך דאווען שמונה עשרה, קריאת שמע, דארף איך וועלן ס'זאל זיין גוט אזוי ווי מען דארף!

אבער טאקע באמת וועלן, נישט אפנאַרן זיך! איז עס ביים אויבערשטן זייער חשוב! און מען קען קיין שום שנאה נישט מאכן ביי איהם, קיין שום קנאה נישט מאכן צווישן איהם צום אויבערשטן! ווייל ער "וויל"!

נאר וואס דען? דאס 'ווילן' אליין זאל זיין א 'ווילן'! וועלן האבן א 'רצון'!

*

וואס מער א מענטש איז מבטל זיינע שלעכטע רצונות, קען ער האבן א רצון צום אויבערשטן! "בטל רצונך מפני רצונו"![ט]

אז דער מענטש האט אנדערע רצונות, קען ער נישט האבן קיין גלייכן רצון צום אויבערשטן! זיי מבטל דיינע רצונות וועסטו האבן א רצון צום אויבערשטן, ביים דאווענען, ביים לערנען, ביי יעדע זאך וועסטו האבן א רצון צום אויבערשטן!

איז עס ביים אויבערשטן זייער חביב, דער אויבערשטער האט זייער תענוג דערפון, ער איז זיך משתעשע מיט דעם - "ער האט א רצון צום אויבערשטן"!

*

---

[ח] עי' שיחות הר"ן אות נ"א: וְהַכְּלָל, שֶׁעִקָּר הוּא הָרָצוֹן וְהַכִּסּוּפִין, שֶׁיִּהְיֶה כּוֹסֵף תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וּבְתוֹךְ כָּךְ מִתְפַּלְּלִין וְלוֹמְדִין וְעוֹשִׂין מִצְווֹת, וּבֶאֱמֶת לְפִי גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ כָּל אֵלּוּ הָעֲבוֹדוֹת אֵינָם כְּלוּם רַק הַכֹּל הוּא בְּדֶרֶךְ "כְּאִלּוּ" כִּי הַכֹּל הוּא כְּמוֹ שְׂחוֹק בְּעָלְמָא כְּנֶגֶד גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז קְלָאמֶירְשְׁט...

[ט] עי' אבות ב' ד'.

# "באהארצן דאס הארץ"

עס וואלט געדארפט צו זיין מערער! (- ווי גשמיות), ווי זאגט דוד המלך,[י] "נתת שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו", מערער ווי "דגנם ותירושם רבו", מער ווי די קארן, און די ווייץ, מען פריידט זיך מיט אסאך קארן, אסאך ווייץ! "נתת שמחה" מערער ווי יענץ! אזוי דארף זיין.

על כל פנים זאל כאטש זיין נישט ווינציגער, מען זאל זיך פרייען מיט'ן אויבערשטן, מיט א מצוה, כאטש נישט ווינציגער ווי איך פריי זיך מיט "דגנם ותירושם רבו"! זומער, דער זמן האסיף, מען נעמט אריין אלע זאכן אין שטוב אריין פון פעלד, איז מען פריילעך, "נתת שמחה בלבי" מערער ווי "דגנם ותירושם רבו", מערער ווי איך פריי זיך מיט "דגנם ותרושם" וואס איז אסאך, אזא שמחה האסטו געגעבן ביי מיר אין הארץ!

נו, על כל פנים זאל זיין כאטש גלייך, אז מיט יענץ פריי איך זיך, און מיט דעם פריי איך זיך גארנישט?!

זיין פריילך, מיט א מצוה דארף מען זיין פריילך! מיט א דאווענען מיט א לערנען, פריילך זיין דערמיט!

(אחד הנוכחים - כנראה שהוא רבי יוחנן גאלאנט ז"ל: ס'דארף זיין דאך דער איינער וואס ער זאל אריינגעבן די רצונות?!) דער איינער איז דא! דער איינער איז דא! [רבי נתן] האט דאך געזאגט צו איינעם:[יא] דו האסט א הארץ, נאר דו באהארצט עס נישט!

מען האט א הארץ, נאר מען באהארצט עס נישט!

---

[י] עי' תהילים ד' ח'.

[יא] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ל': דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מִתַּבְעֲרַת הַלֵּב שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה, שֶׁהוּא הָיָה הָרִאשׁוֹן שֶׁזָּכָה לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ, וּלְפַרְסֵם שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה בָּעוֹלָם, וּבְתוֹךְ שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה עָנָה אֶחָד לְפָנָיו בִּלְשׁוֹן צַעַר וּגְנִיחָה, "הַהֵיאַךְ לוֹקְחִין לֵב כָּזֶה"? גָּעַר בּוֹ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל וְאָמַר אֵלָיו: גַּם אַתָּה יֵשׁ לְךָ לֵב כָּזֶה אֶלָּא שֶׁאֵין אַתָּה מְלַבֵּב אוֹתָהּ! דוּ הָאסְט אוֹיךְ דָאס הַארְץ, נוּר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִיט! כִּי הַבְּחִירָה חָפְשִׁית אֵצֶל כָּל אָדָם, וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ הָגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים יֵשׁ בְּכֹחוֹ לִזְכּוֹת לַמַּדְרֵגָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כ"ה) שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר 'מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי'.

* * *

# 'לא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני'

(כאן מתחיל שיעור חדש, וחסר ההתחלה) - - - דער רבי הייבט אן א תורה:[יב] מען דארף זיך ארויסנעמען פון "מדמה" און ארויפגיין צום שכל! **"לעלות אל השכל"!**

א מענטש האט כמה הוכחות, כמה ראיות, אז ס'איז אזוי! ס'איז אזוי! אבער דאס איז באמת א "קליפה", א מין - - דער "דמיון" איז אזוי שטארק, אז ס'קען זיך איהם אויסווייזן אז ס'איז אזוי!

[איינער האט מיר געזאגט: "איך האב געזעהן דעם רבי'ן"!... ביי שמעון הצדיק האט ער מקבל שבת געווען האט ער געזעהן דעם רבי'ן!... אזוי האט ער מיר געזאגט, שוין.

אבער דאס איז דער ערשטער סימן: דער וואס איז טאקע זוכה עפעס צו וויסן, דער איז א געוואלדיגער "איש שלום"! דער איז מיט אלע מענטשן בשלום, ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם!...] דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

דאס איז א געוואלדיגער זאך, א מענטש נעמט זיך איין א דמיון, זאל דער אויבערשטער אפהיטן, ער מאלט זיך אויס... און ער קומט אהינצו (- בעולם הבא) מיט א "דמיון", אוי! אוי! אוי איז דאס א צער! דא האט ער זיך אויסגעמאלט, און דארטן זעהט ער שוין דעם אמת![יג]

---

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה: כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה, וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל...

[יג] עי' ליקוטי הלכות הל' חדש ד' אות ח': עַל־כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר מְאֹד, שֶׁכָּל־זְמַן שֶׁמַּרְגִּישׁ בְּעַצְמוֹ שֶׁאֵינוֹ קָדוֹשׁ כָּרָאוּי בִּשְׁלֵמוּת, אֲזַי יַכְנִיעַ וִיבַטֵּל עַצְמוֹ נֶגֶד הַקְּדֻשָּׁה בִּשְׁלֵמוּת, וְלֹא יִרְצֶה לֵילֵךְ בִּגְדוֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת מִמֶּנּוּ, כִּי אִם יִרְצֶה אָז לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ מַרְאוֹת וְחֶזְיוֹנוֹת, יוּכַל לְקַלְקֵל יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כַּאֲשֶׁר נִכְשְׁלוּ בָּזֶה רַבִּים מְאֹד, רַק יֵלֵךְ בִּתְמִימוּת, וִיבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעַזְרוּ לָצֵאת מִפְּחִיתַת מַדְרֵגָתוֹ, וְיִזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ כָּרָאוּי... (עפ"י לשון אוצר היראה - ערך יראה ועבודה אות צ"א).

דער רבי האט אונז געגעבן אזא "ישוב הדעת", ארויסנעמען זיך פון דמיון! דאס איז דער "ישוב הדעת", זיך מיישב זיין! ארויסגיין פונעם דמיון! ער זאל זיך מיישב זיין: "וואו האלט איך אין דער וועלט?! וואו בין איך"?![יד]

*

# 'איש סחו אחריו ה' הוא האלקים'

(ר' נחמן בורשטיין: אין רבי'נס צייטן, אין טירהאוויצע איז געווען איינער וואס האט געהייסן וואלף פיגא'ס?), רבי וועלוול פיגא'ס! ער איז געווען א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש, און ער האט געמאכט נאכ'ן רבי'ן אזוי ווי א מין "שבחי הבעל שם", האט ער געוואלט מאכן דעם רבי'נס שבחים, און ער האט געהאט עפעס א חלום פונעם רבי'ן אז דער רבי האט געהייסן 'נישט'! אזוי האב איך געהערט, אז דער רבי האט עס נישט געוואלט!

ער איז געווען ביים רבי'ן זייער חשוב, ר' וועלוול פיגא'ס האט ער געהייסן, ער איז א גרויסער עובד געווען, און ער האט געוואלט אוועקשטעלן פונעם רבי'ן אַן ענין פון "מעשיות"!

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז געווען נאכ'ן רבי'נס הסתלקות?) יא, נאכ'ן רבי'נס הסתלקות, ער האט געוואלט אוועקשטעלן א זאך, דעם רבי'ן הייבן נאר מיט מופתים מיט שבחים, און דער רבי האט נישט דאס געוואלט! דאס איז נישט דעם רבי'נס זאך![טו]

עס איז געבליבן דארטן עפעס (קצת מופתים), אבער נישט דאס איז די זאך, דאס איז נישט אונזער זאך! איך געדענק נישט דאס לשון וואס דער רבי האט איהם געזאגט.

*

---

[יד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י' תניינא. ובשיחות הר"ן אות מ"ז: עַל־כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר לִרְאוֹת לְיַחֵד לוֹ פְּנַאי לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב עַל כָּל מַעֲשָׂיו אֲשֶׁר הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם אִם כָּךְ הוּא רָאוּי לוֹ לְבַלּוֹת יָמָיו בְּמַעֲשִׂים כָּאֵלּוּ ... אִם הָיָה לְהָאָדָם שֵׂכֶל מְיֻשָּׁב חָזָק וְתַקִּיף, הָיָה מֵבִין שֶׁהַכֹּל שְׁטוּת וָהֶבֶל. בִּפְרָט הַתַּאֲוָה שֶׁיֵּשׁ לְכַמָּה בְּנֵי אָדָם לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם וְלִנְסֹעַ עַל הַמְּדִינָה, הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ וְהוּא שְׁטוּת גָּדוֹל בֶּאֱמֶת...

[טו] עי' שיחות הר"ן אות קפ"ו, קפ"ז. ובכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר ז"ל בההקדמה.

(אחד הנוכחים: ביי "אליהו הנביא" שטייט "איש סחו אחריו ה' הוא האלקים"...) **דאס איז געווען** פון "שבחי הבעל שם טוב", דער בעל שם האט געזאגט צו דעם רב פון ליניץ, האט ער איהם אויך געזאגט: "אליהו האט מער זוכה געווען פון מיר! ביי איהם איז 'איש סחו אחריו ה' הוא האלקים', און ביי מיר - נאך א מעשה, נאך א מעשה, און נאך א מעשה"! אזוי האט דער בעל שם געזאגט צו דעם רב.

[ס'איז געווען א רב אין ליניץ, נישט "רבי גדלי' ליניצער", ס'איז א רב געווען אין ליניץ, דער רב דארט איז געווען א תלמיד ביים בעל שם הקדוש, דער רב האט געמאכט דעם ערשטן שבחי הבעל שם! און רבי גדלי' ליניצער האט אלץ געהערט פון דעם רב, "שמעתי מהרב, שמעתי מהרב" - מיינט ער אלם דעם רב פון ליניץ! ער איז געווען פריער, נאך פאר רבי גדלי' ליניצער, רבי גדלי' ליניצער איז נישט געווען ביים בעל שם].

איז דער בעל שם געקומען צו איהם, און ער האט געזאגט צו דעם רב: **אליהו האט מער זוכה געווען פון מיר, 'איש סחו אחריו ה' הוא האלקים', און פון אונז מאכסטו מעשיות מיט מעשיות מיט מעשיות!**

איז אלעם א ראיה דערפון, אז די צדיקים האבן דאס נישט געוואלט! זיי האבן נישט געוואלט מען זאל רעדן... פון איהם (- מופתים)! מען דערציילט אמאל א סיפור, אבער... (נישט מאכן אן עיקר דערפון)!

*

(ר' נחמן בורשטיין: אין "אבני"ה ברזל" שטייט א שיחה, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס איז נישטא פון אייך א שבחי הר"ן, אזוי ווי ס'איז דא א שבחי הבעל שם?) (אמר רבינו): "ס'וועט זיין פון מיר אויך וואס צו דערציילן! פון וואנעט איז געווארן דער שבחי הבעל שם טוב? לאחר הסתלקות הבעל שם טוב זענען זיך צונויף געקומען די תלמידים, און דער האט דערציילט און דער האט דערציילט! **ס'וועט פון מיר אויך זיין וואס צו דערציילן"!**

יענער האט געוואלט וויסן אלע זאכענישן פון די תלמידים פונעם רבי'ן, אפילו בחיי רבינו, ער האט געוואלט וויסן וואס דער רבי האט גערעדט מיט ר' יודל'ען, וואס דער רבי האט גערעדט מיט ר' נתן'ען, וואס דער רבי האט גערעדט מיט דעם

און מיט יענעם, יענער האט דאך שוין אלעם געוואלט וויסן, האט ער א זאג געגעבן: "פארוואס איז פון אייך נישט דא"? (וע"ז ענה רבינו כנ"ל:) "פון וואנעט איז עם געווארן, פון די תלמידים (לאחר הסתלקותו), ס'ועט פון מיר אויך זיין וואס צו דערציילן"!

ס'איז נאכנישט קיין ראיה דערפון אז ס'מיינט עפעס די "שבחים", "ס'וועט זיין וואס צו דערציילן"! (- רצ"ל שיחות וענינים של עבודת השם).[טז]

*

# "אט דאס זוכן מיר דאך"!

מען זעהט דאך, ווען רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן, א שטיק התקרבות האט זיך גענומען דערפון וואס די "טעפערס" זענען געקומען פונעם יריד, און זיי האבן געזאגט: "ס'איז עפעס א נייער רבי געקומען קיין ברסלב! ער וויל גארנישט רעדן, ער רעדט נאר פונעם תכלית, ער וויל נישט רעדן קיין שום זאך"![יז] ס'איז געקומען דארטן די יריד'ניקעס, זיי פלעגן קומען נאך א יריד.

(השואל: וואס הייסט די "טעפערס"?) זיי האבן געהאנדלט מיט 'טעפ', אזוי איז געווען איינגעפירט דארטן, נאך א יריד, ס'איז געקומען א מפורסם, נאכ'ן יריד פלעגט מען ארייגלויפן צום רבי'ן, געגעבן דארטן א פדיון, און דער רבי האט געגעבן א ברכה, און דערנאך איז מען אוועקגעפארן, אזוי איז געווען!

נו, אז דא איז א רבי געקומען קיין ברסלב, האבן זיי אויך אזוי געוואלט טוהן, נאכ'ן יריד לויפן זיי אריין צום רבי'ן, גיבן דארטן עפעס אויף פדיון, און זייווארטן אויף א ברכה, זעהען זיי ביים רבי'ן "ער רעדט נישט פון די ברכה! ער רעדט עפעס פון תכלית, ער רעדט פונעם תכלית"!

---

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' אות י"ב: כִּי עִקַּר יְגִיעַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא לְהַמְשִׁיךְ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת בְּתַלְמִידָיו בִּדְרָכִים נִפְלָאִים עַד שֶׁיּוּכְלוּ לְהָאִיר בְּתַלְמִידֵיהֶם וּבְתַלְמִידֵי תַּלְמִידֵיהֶם לְדוֹרוֹת עַד שֶׁכֻּלָּם יֵדְעוּ אֶת ה' ... אֲבָל לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ עִקַּר חִיּוּתֵינוּ עַל יְדֵי קִבּוּץ תַּלְמִידָיו יַחַד לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְכָל אֶחָד מִתְעוֹרֵר לַה' יִתְבָּרַךְ כְּפִי הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהֵאִיר בּוֹ הַצַּדִּיק וְכָל אֶחָד מְסַפֵּר מַה שֶּׁשָּׁמַע וְרָאָה מִמֶּנּוּ וְעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ.

[יז] עי' אבני"ה ברזל אות ו', שיש"ק ח"ה אות פ"ג.

"ס'איז עפעס א נייער רבי! ער רעדט נאר פונעם תכלית"! האבן זיי עס איבערגע'חזר'ט אין 'נעמירוב': "דאס איז עפעס א נייע זאך"!

(השואל: אין נעמירוב איז געווען דער יריד פון ברסלב?) ניין, אין ברסלב! יעדן טאג איז געווען א יריד אין א אנדערע געגענט, דעם טאג איז געווען אין 'נעמירוב' - פלעגן אלע פארן קיין נעמירוב, דעם טאג איז געווען אין 'ברסלב' א יריד, דעם טאג איז געווען אין 'טולטשין' א יריד, אזוי איז געווען איינגעפירט דארטן אין די סביבה, ס'איז געווען איינגעטיילט אז יעדער טאג זאל האבן א יריד, פלעגן אלע פארן אויפ'ן יריד.

אין 'ברסלב' איז אויך געווען א יריד איין טאג, זענען אלע געקומען קיין ברסלב, ס'איז געקומען נעמירוב'ער, טולטשינ'ער - איך וויים דארטן – לאדיזינ'ער, אלע זענען געקומען אויפן יריד, א "יומא דשוקא", פלעגן זיי פארנאכט נאכ'ן יריד ארייננגיין דארטן צום רבי'ן, צו דעם מפורסם אין יענע שטאט, און געבן אזוי פאר א פדיון און א ברכה, און אוועקגעפארן! דאס איז געווען די וועג פון זיי.

אז זיי זענען ארייננגעקומען צום רבי'ן דאס ערשטע מאל, האט דער רבי שוין גערעדט גאר פונעם תכלית גאר! איז געווען עפעס וואונדערליך די זאך ביי זיי. ווען זיי זענען געקומען אהיים קיין נעמירוב האבן זיי איבערגערעדט די זאך.

רבי נתן (וחבריו) - זיי האבן דאס דערהערט וואס זיי רעדן – **"אט דאס זוכן מיר דאך! מיר ווילן דאך אזא רבי'ן"!** פון דעם איז דאך אסאך (- חלק גדול) וואס זיי זענען געקומען צום רבי'ן, זיי האבן געהערט פון די טעפערס די ווערטער!

(ר' נחמן בורשטיין: זיי האבן געזאגט א 'פיטאקל' א גוטער איד!) "א 'פיטאקל' א גוטער איד"![יח]

*

ס'איז געווען אמאל א מפורסם אין טעפליק, א גאנצע נאכט איז מען געגאנגען צו איהם אין שטאט, א גאנצע נאכט, א גאנצע נאכט איז נאר געווען (בשביל גשמיות): דער

[יח] עי' אבני"ה ברזל אות ה': וְאָז הָיוּ אוֹמְרִים "אַפִּיטְקֶע אַגוּטֶער יוּד" הַיְנוּ בְּעַד פִּיטַאקִיל (מטבע קטנה) יְכוֹלִין לִסַּע לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, כִּי בְּרָחוֹק הָיָה קָשֶׁה לִסַּע מֵחֲמַת מְנִיעַת אָבִיו וְחָמִיו וְאִשְׁתּוֹ, וְגַם מֵחֲמַת מְנִיעַת הַמֹּחַ הַיְנוּ שֶׁאֵינוֹ מַרְגִּישׁ טוֹבָה שְׁלֵמָה בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲבָל עַתָּה מֵחֲמַת שֶׁהוּא קָרוֹב יִתְבַּטְּלוּ קְצָת הַמְּנִיעוֹת. ועי' שיש"ק ח"א אות תרי"ז.

פריץ זאל האבן א מפלה, און דער פריץ זאל זיין אזוי, און דער גראף זאל זיין אזוי, און דער זאל געהאלפן ווערן!

ס'איז געווען אין די צייטן פון רבי נתן'ען, מען האט דאס איבערדערציילט פאר רבי נתן'ען, מען האט דאס איבערגע'חזר'ט, (אמר רבי נתן בתמיה): **"א גאנצע נאכט זאל מען נאר רעדן די זאכענישן"?!**[יט]

איינער א מפורסם אין טעפליק, מען איז א גאנצע נאכט געגאנגען צום איהם דארטן, ביי איהם איז דאס געווען - דער דארף האבן דאס, דער דאס! מען האט איבערגערעדט פאר רבי נתן'ען: "געוואלד געשריגן, דאס איז די זאך? א מפורסם - א גאנצע נאכט, דעם אזוי, דעם אזוי"?!

ביים רבי'ן איז דאס נישט געווען! בכלל ביים רבי'ן איז נישט געווען "א גאנצע נאכט"!

און אז מען פלעגט אריינגיין צום רבי'ן, האט מען שוין געוואוסט אז צום רבי'ן גייט מען נישט אריין צו די זאכענישן! יעדער איינער איז נאר אריינגעגאנגען צום רבי'ן פארן תכלית: ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען, ס'גייט אויף איהם איבער! דאס איז דאס.

*

# "איך בין נישט קיין סוחר פון סמָאלע"

ס'איז דא די מעשה דארטן פון די "סמאלע", די מעשה האט דער רבי דערציילט:[כ] אין די גרויסע קלייטן, די געשעפטן דארטן פון זאכענישן, איז פארקויפן זיי אמאל דארטן אביסל "סמאלע" אויך, ["סמאלע" הייסט עס, דאס וואס מען שמירט די רעדער, 'זפת' איז סמאלע!]

איז אריינגעקומען איינער, ער האט נישט קיין סמאלע, ער איז אריינגעגאנגען אין א גרויסע קלייט אריין, מען זאל איהם פארקויפן סמאלע! זאגט ער איהם: "איך בין א סוחר פון סמאלע?! איך בין א סוחר פון שניט קראם! (בדים) אז יענער איז מיינער א

[יט] עי' שיש"ק ח"ב אות תקמ"ה.

[כ] עי' שיש"ק ח"ה אות מ"ח.

קונה, ער קויפט פון מיר אלעס איין, ער דארף אוועקפארן, ער האט נישט מיט וואס צו פארן, מוז איך איהם געבן אביסל ער זאל קענען אוועקפארן, אבער דו ביסט דאך נישט מיינס א קונה, זאל איך דיר פארקויפן סמאלע"?!

אז יענער איז דעם רבי'נס א מענטש, און ער טוהט אין אידישקייט, אין עבודת השם, און ער דארף געהאלפן ווערן, מוז איך איהם געבן א ברכה ער זאל געהאלפן ווערן, אבער דו ווילסט ביי מיר נאר דאס דאזיגע?! "איך בין נישט קיין סוחר פון קיין סמאלע"! "איך בין נישט קיין סוחר פון קיין סמאלע"! אזוי האט איהם דער רבי געזאגט!

*

מען קומט אריין צום רבי'ן מיט אזא בקשה, "איך בין נישט קיין רבי פון די מעשה'ס"! מען האט זיך ממש געשעמט, מען האט זיך געשעמט פארן רבי'ן!

און אזוי איז געווען לאחר ההסתלקות פון רבי'ן אויך, מען האט זיך געשעמט פארן רבי'ן אפילו אויפ'ן ציון, די חסידים, די עובדי השם, האבן זיך געשעמט פארן רבי'ן בעטן א גשמיות'דיגע בקשה! מען האט זיך געשעמט!

די ווערטער פון דעם "דייטש'ל" ביי רבי נתן'ען: **"איך פאר שוין פערציג יאר אויף ראש השנה, און איך האב נאך קיין איינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן אויפ'ן ציון אויף פרנסה"!**[כא]

פרנסה אז מען בעט - איז עס גאר רוחניות, פרנסה איז דאך רוחניות![כב]

(אחד הנוכחים: דער וואס האט אויפגעהויבן די הענט ביי כתר?)[כג] מען האט איהם גערופן "דער דייטש'ל", האט ער געזאגט: "איך פאר שוין פערציג יאר אויף ראש השנה, איך

---

[כא] עי' שיש"ק ח"ה אות קע"ד.

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ד אות ט': ... גַּם כָּל תְּפִלּוֹתָיו לֹא הָיוּ אֶלָּא בִּשְׁבִיל לְקַשֵּׁר נִשְׁמָתוֹ, אֲפִלּוּ אֵלּוּ תְּפִלּוֹת הַמְפֹרָשִׁים בַּתְּפִלָּה שֶׁהֵם לְצֹרֶךְ הַגּוּף, כְּגוֹן "רְפָאֵינוּ" וּ"בָרֵךְ עָלֵינוּ" וּשְׁאָר צָרְכֵי הַגּוּף, לֹא הָיָה כַּוָּנָתוֹ שֶׁל רַבָּה בַּר בַּר חָנָה בִּשְׁבִיל גּוּפוֹ, אֶלָּא בִּשְׁבִיל נִשְׁמָתוֹ, שֶׁהָיָה מְכַוֵּן לְפַרְנָסַת נִשְׁמָתוֹ וְלִרְפוּאָתָהּ. וְזֶה: וְשַׁקְלֵית לְסַלְתָּאִי וְאַנַּחְתִּיהָ בְּכַוְּתָא דִּרְקִיעָ. שֶׁשָּׁקַל לַתְּפִלָּה שֶׁהוּא לְצֹרֶךְ הַגּוּף, וְאַנְחָהּ בִּתְפִלָּה, הַכֹּל לְצֹרֶךְ נִשְׁמָתוֹ, כִּי מִמֵּילָא כְּשֶׁנִּתְקָן שָׁם בְּרוּחָנִיּוּת, נִתְקָן גַּם בְּגַשְׁמִיּוּת...

[כג] עי' שיש"ק ח"ב אות תרי"ח.

האב נאך קיין איינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן אויף פרנסה! איך וויים נישט ווי שעמט מען זיך נישט אריינגיין צום רבי'ן בעטן דעם רבי'ן פרנסה?! און מער פעלט מיר נישט נאר פרנסה"?!

דאס איז געווען אונזער רבי, דער רבי האט אזוי מודיע געווען דעם תכלית פאר יעדן איינעם, אז מען האט זיך געשעמט אריינגיין צום רבי'ן (- בעטן דברים גשמיים), דער רבי וועט איהם זאגן!

דער רבי דארף נישט זאגן, די בושה איז אזוי גרויס, ער וועט זיך אליין שעמען, ער ווייסט וואס מיט איהם טוהט זיך - דארפסטו נאר בעטן דאס?! מער האסטו נישט וואס צו בעטן?!

*

דער רבי האט געלויבט (- פאר רבי נתן) דעם דאזיגן איד וואס אז ס'ווערט איהם ענג אין עבודת השם, גייט ער אדורך צו פוס (לרבינו), פרעגט א עצה צו קענען דאווענען, און גייט אהיים קריק![כד]

אבער ער איז נישט געקומען צום רבי'ן בעטן דעם רבי'ן דארטן אויף פרנסה!

אזוי האט דער רבי געזאגט: דער דאזיגער אז ס'ווערט איהם ענג אין עבודת השם, גייט ער אדורך, פרעגט א עצה, און גייט קריק! האט דער רבי זייער משבח געווען די זאך אז ער גייט "צו פוס"!

דאס איז אזעלכע מענטשן, גייט אדורך צו פוס צום רבי'ן ווייל ס'איז איהם שווער אין דאווענען! ער קען נישט דאווענען אזוי ווי מען דארף! אבער אדורך גיין צו פוס צוליב אנדערע זאכענישן? האט מען זיך גאר געשעמט זיך! קומען צום רבי'ן בעטן (דברים גשמיים)?!

*

[כד] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ט.

# "אויף דעם דארף איך דיר צוצאלן"...

דער רבי האט אליין געזאגט צו רבי נתן'ען: "ס'איז מיר געקומען אויף די דעה דיין צער גידול בנים"![כה] ווייזט אויס אז רבי נתן האט נישט דערמאנט דעם רבי'ן! "ס'איז מיר געקומען אויף די דעה דיין צער גידול בנים"! דער רבי האט אליין אזוי געזאגט.

(השואל: דער רבי האט איהם געהייסן אז ער זאל איהם געבן זעקס בענקלעך?) ניין! ער האט געזאגט: "אויף דעם וויל איך אז דו זאלסט מיר געבן"! דער רבי האט נישט געזאגט וואס צו געבן, האט רבי נתן געקויפט דעם רבי'ן זעקס בענקלעך! אבער נישט אז דער רבי האט געזאגט וואס.

(רבינו אמר לו): "דאס וואס איך בין דיר מקרב צום אויבערשטן - דארף איך דיר נאך צוצאלן! "זכאה מאן דאחיד וכו'"![כו] אבער דאס (- בשביל הצער גידול בנים), וויל איך אז דו זאלסט מיר געבן"! האט ער געקויפט דעם רבי'ן זעקס בענקלעך.

(השואל: האט ער חרטה געהאט פארוואס ער האט געקויפט נאר זעקס?) יא! פארוואס ער האט נישט געקויפט קיין צוועלף, א 'טוץ', צוועלף הייסט א טוץ.

א לענגערער טיש גייט 'פינעף' און 'פינעף' און דא 'איין בענקל' און דא 'איין בענקל', דאס הייסט 'א טוץ', צוועלף בענקלעך! היינט איז א מאדע קורצע טישן, אמאל איז געווען לאנגע טישן, מען האט אויסגעשטעלט אין אלע זייטן - איז געווען צוועלף בענקלעך אזוי, א טוץ, אדער זעקס - אדער צוועלף, אז מען האט אויסגעשטעלט אין אלע זייטן איז געווען צוועלף בענקלעך אזוי, א טוץ, מען האט נישט געקויפט קיין אכט אדער צעהן.

רבי נתן האט געקויפט דעם רבי'ן זעקס בענקלעך, "נו דערפאר וועסטו האבן זעקס קינדער" - האט איהם דער רבי געזאגט! האט איהם באנג געטוהן, ווען ער וואלט געווען קויפן צוועלף, וואלט ער געהאט צוועלף קינדער, האט איהם באנג געטאן וואס ער האט געקויפט נאר זעקס!

---

[כה] עי' אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות י"ט, ושיש"ק ח"ב אות רל"א.

[כו] עי' זוה"ק ח"ב דף קכ"ח ע"ב.

*

ס'איז געווען ביי אדל'ען אויך דאס אייגענע, דער רבי איז אריינגעקומען צו אדל'ען, אחרון של פסח, אדל'ע האט מכבד געווען דעם רבי'ן מיט צוויי קניידלעך, האט דער רבי געזאגט: "דערפאר וועסטו האבן צוויי קינדער"![כ] זי האט געהאט א זון "רבי אברהם בער'ניו" און זי האט געהאט א טאכטער (- מרת רבקה מרים)!

געוועגדליך נאכדעם טוהט באנג...

*

דער בעל שם הקדוש האט יא עוסק געווען אין די גשמיות'דיגע ברכות, ווייל ער האט אנגעהויבן מקרב צו זיין די וועלט, די וועלט איז געווען זייער פארגרעבט, און ער האט אנגעהויבן מקרב זיין, האט ער זיי געמוזט מקרב זיין מיט גשמיות'דיגע ברכות, געגעבן ברכות, געהאלפן, אזוי האט ער צוגעצויגן דעם פראסטן עולם צו זיך, אבער ביים רבי'ן איז שוין דאס נישט געווען.

*

דער רבי איז אריין א שבת פאר סליחות קיין ברסלב, צוויי וואכן פאר ראש השנה, און מוצאי שמחת תורה איז רבי נתן געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט איהם געזאגט דארטן (- די תורה מ"ח) ס'ווערט געבראכט דארטן (- הענין של לזכות לבנים).

האט דער רבי איהם געזאגט מוצאי שמחת תורה: "דאס וואס איך בין דיר מקרב צום אויבערשטן דארף 'איך' דיר נאך צוצאלן, אויף דערפאר וויל איך 'דו' זאלסט מיר עפעס גיבן"! האט ער געבראכט צום רבי'ן זעקס בענקלעך!

(ר' נחמן בורשטיין: אין אמת'ן האט רבי נתן געהאט זעקס זיהן מיט א טאכטער, נאר מאיר'ל איז דאך אוועק, בחיי רבינו נאך), איז שוין נישט זעקס, פינעף זוהן מיט א טאכטער!

*

---

[כ] עי' אבני"ה ברזל אות מ"ג, ועי' שיש"ק ח"ב אות רל"ג.

# 'פרי הארץ לגאון ולתפארת'

- - - "אדל'ע" האט געהאט אברהם בער'ניו און די טאכטער (כנ"ל), און ביי אברהם בער'ניו האט זי שוין געזען קינדער און אייניקלעך![כח]

(השואל: איר האט געקענט רבי אברהם בערניו'ס קינדער?) ניין, אייניקלעך יא! "רבי יוסל ר' אברהם בער'ס" האב איך דאכט זיך נישט געקענט, אבער "רבי נחמן" - "נייחא ר' אברהם בער'ס" האב איך געקענט, "נייחא" איז געווען אן אייניקל פון "רבי אברהם בער" (- בנו של ר' יוסל ב"ר אברהם בער).

זיי זענען געווען חסיד'ישע אידן, אין טשעהרין, (השואל: זיי זענען אויכעט געווען גבירים?) נישט געווען אזעלכע גבירים, "יוסל" איז נאך געווען א גביר! (רבי יוסף ב"ר אברהם בער'ניו).

*

(השואל: אדל'עס טאכטער - רבקה מרים - ווער איז געווען איר מאן?) דאס איז געווען "רבי שמחה ברוך", שרה'קעס א זוהן! זיי האבן זיך ביידע משדך געווען, ביידע שוועסטער האבן זיך משדך געווען!

"רבי אייזיק'ל פון בארדיטשוב" איז געווען א אייניקל פון ביידע, אדל'ע איז געווען א באבע - און שרה'קע איז געווען א באבע! אדל'ע איז געווען די מאמעס מאמע (אמו של רבקה מרים), און שרה'קע איז געווען דעם טאטנס מאמע, (אמו של ר' שמחה ברוך כנ"ל).

(השואל: ער פלעגט שפילן מיט א פידל?) יא יא, דער גרעסטער מיוחס איז ער געוועזן! ער האט געהאט צוויי באבעס דעם רבי'נס טעכטער, נישט קיין עלטער באבע, נאר טאקע באבעס, "דעם רבי'נס טעכטער". (השואל: און מען האט איהם געהאלטן טאקע חשוב?) יא, יא!

(ר' נחמן בורשטיין: אלע מוצאי שבת פלעגן זיי לערנען סיפורי מעשיות און ער האט געשפילט אויפ'ן פידל?), יא המבדיל, געזונגען זמירות ביי איהם אין שטוב! רבי אייזיקל איז געווען זייער א חשוב'ער איד, און א קלוגער איד געווען, אה א חכם! (השואל: ער איז נאך געווען א ברסלב'ער חסיד?) יא! ר' אייזיק, געוואויגן יעדן ווארט!

---

[כח] עי' שיש"ק ח"ב אות רל"ב.

(השואל: ער האט געהאט א שייכות מיט רבי אברהם ר' נחמן'ס?) **מסתם, איך ווייס נישט! ר' אברהם האט זייער מכבד געווען דעם רבי'נס קינדער!**[כט]

* * *

**אין טעפליק איז געווען "יוטא", "ר' נחמן חיה'לעס"[ל] א טאכטער, זי איז געווען מרים'ס מאמע, רבי אברהם'ס בני בית** (היינו אשתו של ר' אברהם שטערנהארץ - בזוו"ש - היתה מרים בת ר' נחום וזו' מרת יוטא בתו של ר' נחמן חי'לעס).

(ר' נחמן בורשטיין: טאקע א פלא, איך בין געווען נישט לאנג פאר פסח אויפ'ן הר הזיתים, ר' יענקל כהן'ס רביצין ליגט ממש לעבן איר כמעט, לעבן מרים, מיט די שוועסטער דארטן, שטייט "מרים בת ר' נחום", אבער ס'שטייט נישט "נכדת רבינו", ס'דארף שטיין נכדת רבינו מברסלב?) **אוודאי אזוי! יא, דער טאטע האט געהייסן נחום!**

**איך געדענק, רבי אברהם ר' נחמן'ס ווען ער פלעגט זיין אין טעפליק איז ער אריינגעגאנגען צו איר, צו די "יוטא" דעם רבי'נס אייניקל!**

**ער איז געווען אמאל אין טעפליק, איז אריינגעגאנגען רבי אברהם ר' נחמן'ס,** (אמרה לו): **"רבי אברהם, רבי אברהם, איר האט שוין פארגעסן? איר זענט שוין עטליכע טעג דא, און נישט אריינגעקומען צו מיר"?! די יוטא! ער האט זיך פארענטפערט...**

**ער פלעגט אריינגיין, "דעם רבי'נס א קינד", אפגעבן כבוד דעם רבי'נס א קינד! ער האט אביסל געגעסן אויך.**

(ר' נחמן בורשטיין: זי איז געווען א זקינה שוין מסתמא) **יא יא, אוודאי!**

*

# 'תפארת בנים אבותם'

(ר' נחמן בורשטיין: אויף וועמען האט רבי אברהם ר' נחמן'ס געזאגט, "ער האט געהאט צוויי זיידעס אז ער האט פארגעסן אז ער האט א דריטן אויך"?) **אויף ר' נחמן חיה'לעס! ער איז געווען אזוי, זיין שווער איז געווען "רבי שלמה קארלינער'ס" א זון - "רבי בער", און דער ר' בער**

---

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות רע"ד.

[ל] רבי נחמן בן מרת חיה בת רביז"ל.

איז געווען אן איידעם ביי רבי ברוך'לען (מ'מעזיבוזש)! רבי ברוך'ל האט זיך משדך געווען מיט רבי שלמה קארלינער.

רבי שלמה קארלינער איז געווען זייער גרויס! "רבי שלמה קארלינער"! ער איז געווען פון דעם מגיד'ס תלמידים!

(ר' נחמן בורשטיין: קומט אויס אז זי - יוטא הנ"ל - איז געווען אן אייניקל פון ר' ברוך'לען אויך) אוודאי!

איז דער ר' בער געווען ר' ברוך'לס אן איידעם, און ר' נחמן חיה'לעס איז געווען דעם ר' בער'ס אן איידעם, האט ער געהאט (ע"י אשתו) אזעלכע זיידעס! ער האט געהאט א זיידע "רבי ברוך'לען", און א זיידע "רבי שלמה קארלינער", דאס הייסט זי (אשתו), און דעם "רבי'ן"!

פלעגן אונזערע לייט זאגן, "ער האט שוין אזעלכע צוויי גרויסע זיידעס, האט ער שוין באלד פארגעסן דעם דריטן זיידן"!...

ביי איהם איז געווען א ברית אין טולטשין, ער האט דאך געוואוינט אין טולטשין, האט ער געבעטן (- געלאדענט) דארט ר' ברוך'לס א חסיד - האט ער געבעטן אויפ'ן ברית, האט ער געזאגט (החסיד הנ"ל): "צו אייך וועל איך נישט 'גיין', צו אייך וועל איך זיך 'ראטשקענען אויף די הענט און אויף די פיס'! [דאס הייסט, קריכן אויף די הענט און פיס], איר האט געהאט א 'זיידן'"!

זאגט ער איהם (ר' נחמן חיה'לעס להחסיד הנ"ל): "איך האב דאך געהאט דריי זיידעס"? (ענה הנ"ל): "דאס איז נישט 'אייערע' זיידעס! 'אייער' זיידע מיין איך"! (אחד הנוכחים: כאטש יענער איז געווען רבי ברוך'לס א חסיד?!) יא יא! "איר האט געהאט א זיידן"! דאס איז דאך נישט 'אייערע' זיידעס, 'אייער' זיידע מיין איך"![לא]

צום סוף איז ער געקומען קיין אומאן, און ער האט געוואוינט אין אומאן, און ליגט אין אומאן!

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נתן שרייבט צו איהם אין די בריוו), יא![לב]

[לא] עי' שיש"ק ח"ה אות קע"ה.

[לב] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת אות שפ"ו, ועוד.

(השואל: רבי בער אליין - בן הרה"ק מהר"ש מקארלין - איז געווען א רבי א מפורסם?) **איך ווייס נישט.**

**איך האב געהערט אין אומאן, אז א געוואלדיגער עובד השם איז ער געווען - דער ר' נחמן חיה'לעס! ער פלעגט דאווענען שעה'ן, מיט א זיסקייט, א געשמאקייט!**

*

# 'הכרת פניו ענתה בו'

(השואל: ער האט געהאט קינדער ר' נחמן?) **ער האט געהאט עטליכע זיהן, ער האט געהאט די טאכטער 'יוטא', און ער האט געהאט 'ר' יעקב יוסף'ן' און ער האט געהאט 'ר' זלמן'ען'.[לג]**

(השואל: ר' יעקב יוסף'ן האט איר געקענט?) **יא, ר' זלמן'ען האב איך אויך געקענט!**

(ר' נחמן בורשטיין: ר' זלמן וואס האט געמאכט א פירוש אויפ'ן ליקוטי מוהר"ן?) **יא יא! ער האט געהאט די צורה פונעם רבי'ן!**

**רבי זלמן איז געווען א בחינה פון "רבי אלעזר בן חרסום",[לד] ער האט גארנישט געטוהן אין דער וועלט, נאר געזעצן און געדאווענט און געלערנט! ער איז געווען א רייכער מענטש, די קינדער האבן שוין געטוהן אלעס, און ער איז געזעצן טאג און נאכט געדאווענט און געלערנט!**

**דעם רבי'נס איידעם, חיה'לעס מאן, האט דאך געהייסן רבי זלמן, און ס'איז געבוירן געווארן א זוהן** (לר' נחמן חיה'לעס) **האט זי א נאמען געגעבן נאך זיין טאטן רבי זלמן, דער עלטסטער זוהן האט געהייסן "רבי זלמן", דער אנדערער זוהן האט געהייסן "רבי יעקב יוסף", אוודאי יעקב יוסף, ווארן רבי זלמנ'ס פאטער האט געהייסן ר' יעקב יוסף![לה]**

(השואל: איר האט איהם געקענט דעם ר' זלמן?) **אוודאי, איך האב איהם געזעהן אויף ראש השנה אין אומאן!**

---

[לג] עי' עלים לתרופה, מכתב שצ"ב.

[לד] עי' מס' יומא דף ל"ה ע"ב.

[לה] עי' ימי מוהרנ"ת אות פ"ד, ואות צ"א.

אזוי האט מען געזאגט, "אז ער האט די צורה פונעם רבי'ן"!

איך האב איהם געזעהן אין אומאן, ער פלעגט שטיין אונטער דעם עמוד, א גאנצן טאג כמעט האט מען איהם נישט געזעהן, ער איז געשטאנען און געהאלטן דעם פנים צו דער וואנט!

איך האב איהם אויך געזעהן אין טשעהרין, אין טשעהרין האט ער נאך געלעבט, האב איך איהם געזעהן אין טשעהרין תרע"ו, און איך האב איהם געזעהן אין אומאן אויף ראש השנה!

מען האט געזאגט אז ס'איז מקובל אז ער האט דער 'אנבליק' פונעם רבי'ן, 'אנבליק' הייסט דער 'פעדאם' - גלייכט זיך אביסל צום רבי'ן! אז איך האב דאס געוואוסט, האב איך שוין געוואלט גיין קוקן...

האט ער געהאט אין זיך א זאך, דער וואס האט אין זיך אזא מין הייליגע צורה - פאר זיך אליין באהאלט ער זיך! גאנץ ראש השנה איז ער געשטאנען מיט'ן פנים צו דער וואנט, מען האט איהם גארנישט געזעהן, ער איז געשטאנען אונטערן עמוד, און איז געשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט, מען האט כמעט נישט געקענט זעהן! נאר וואס דען? אז איך האב דאס געוואוסט האב איך שוין געזען דארטן!

און ווען איך בין געווען אין טשעהרין, האט ער נאך געלעבט, האב איך איהם געזעהן אין שול.

*

ער האט געהאט א ספר (על ליקוטי מוהר"ן), דער ספר איז געווען גאר הפלא ופלא! ער האט געמאכט אויפ'ן רבי'נס זאך הפלא ופלא! איך האב געזעהן דעם ספר, מען האט געוואלט נעמען דעם ספר אהערצו, מען זאל איהם דא אפדרוקן, האט דער זוהן נישט געוואלט געבן, ער האט געוואלט ער אליין זאל דרוקן, און ס'איז גארנישט געווארן דערפון!

הפלא ופלא, הפלא ופלא! איך האב געזעהן דעם ספר פון כתב יד, איך האב געקוקט אין כתב יד, איך האב געזעהן טייערע חידושים! (השואל: אויפ'ן פשט, אדער על דרך הדרוש?) פשט אין ליקוטי מוהר"ן! טייערע חידושים, טייערע געדאנקען.

נאכדעם האב איך געהערט אז ער איז כסדר געזעצן געדאווענט און געלענט, און 'זכות אבות' וואס ס'איז מגין אויף איהם, און ער איז געזעצן תמיד געדאווענט און געלערנט, האט ער געהאט! (- מדרגות נעלות).

(שואלים אותו אודות רבי יעקב יוסף בן ר' נחמן חי'לעס, אחיו של ר' זלמן) ר' יעקב יוסף איז געווען אן אנדער סארט מענטש, ער איז געווען א גרויסער גביר, און געווען א סוחר אין די וועלט, ער איז שוין געווען א מענטש פון די וועלט.

ער האט געוואוינט אין א שטאט לעבן טשעהרין, אויף דער עלטער איז ער געקומען קיין אומאן, ער ליגט אין אומאן שוין! דאס איז א אנדער סארט, ס'איז געווען צוויי וועלטן.

(ר' נחמן בורשטיין: ער איז אויך געקומען אויף ראש השנה קיין אומאן?) ניין, ער פלעגט נישט פארן אלע יאר! ר' זלמן איז געפארן אלע יאר, ר' זלמן איז געווען א אנדערע סארט מענטש, ס'איז גארנישט קיין דמיון!

*

האט מען מיר געזאגט אז ר' זלמן האט דער אנבליק פונעם רבי'ן, געדענק איך אז איך האב געהיט זיך - איך האב געוואלט לויפן, ווען איך בין געקומען איהם אנקוקן איז ער געשטאנען מיט'ן פנים צו דער וואנט, נאר וואס דען - איך האב שוין געכאפט דארטן! אזוי איז געווען.

ער איז געווען זייער א מיושב'דיגער מענטש זייער, א געוואלדיגן ישוב הדעת.

(השואל: איר האט גערעדט מיט איהם עפעס?) אביסעלע האב איך גערעדט מיט איהם, אביסעלע.

(רנ"ב: אז איר האט געזעהן זיין ספר, זענט איר דאך געווען ביי איהם אין שטוב?) דעם ספר האב איך געזעהן נאך זיין הסתלקות, ביים זוהן הערשעל'ע.

(השואל: וואספארא סארט מענטש איז געווען דער רבי הערשעל'ע?) אויך א גרויסער עושר, גרויסע עשירים - די פאמילע ליובארסקי, די אלע קינדער פון זלמן'ען (חתן רביז"ל, בעלה של מרת חיה) זענען אלס קינדער פון 'ליובארסקי'. (השואל: ר' נחמן חי'לעס האט אויך געהייסן 'ליובארסקי'?) אוודאי, ער איז דאך א זוהן געווען, אוודאי.

(ר' נחמן בורשטיין: און דעם רבי'נס פאמילע?) א טייל זאגן אז זיין פאמילע איז געווען 'הארידענקע', און א טייל זאגן 'בראָסלאַוויץ', ס'איז א שטאט בראסלאוויץ, אמאל פלעגט מען געבן נאך די שטעט, נאר גיכער איז מסתבר אז הארידענקע. נאר דער רבי האט קיינמאל נישט גע'חתמ'ט מיט קיין פאמיליע, דער רבי האט גע'חתמ'ט נאר מיט'ן נאמען - "בן רבי שמחה". (ר' נחמן בורשטיין: ר' יחיאל אויך, ער חתמ'ט "בן רבי שמחה") אויף דעם רבי'נס תנאים איז אויך גע'חתמ'עט אזוי.

*

ס'איז געווען כדאי, איך האב איהם (ר' זלמן ליובארסקי) אנגעקוקט עטליכע מאל, ווייל איך האב געהאט אזא מין תענוג!

די אמונה איז געווען זייער גרויס אינעם רבי'ן, און איך האב געהערט דאס פון אסאך מענטשן - זיי האבן געזאגט מיר: "ער האט דעם אנבליק פונעם רבי'ן"! נו, און איך האב געהערט אז אזא מענטש, אינגאנצן פרוש פון דער וועלט, ער זיצט און דאווענט און לערנט, און דער ישוב הדעת איז געווען געוואלדיג גרויס, א געוואלדיגן ישוב הדעת, ישוב הדעת ממש, אזוי ווי עס שטייט - ס'איז א לשון זוהר[לו] - "סבי מוחא שקיט ושכיך", אויף דער עלטער איז דער מח שקיט ושכיך, שטיל, דאס האט מען געזעהן אויף דעם אידן!

אנדערע האבן מיר אויך געזאגט פריער אז ער שאקעלט מיט'ן קאפ, ער רעדט נישט קיין סאך! געדענק איך אז ער האט גערעדט אויך - געשאקעלט מיט'ן קאפ, מיט א סבר פנים יפות, אזוי האב איך געזעהן, ס'איז א אנדער סארט מענטש! דעם רבי'נס א קינד! ברוך השם!

(השואל: ער איז געווען דער חשוב'סטער טאקע אין טשעהרין דארטן?) דער חשוב'סטער! נישט נאר אין טשעהרין, ער איז געווען דער חשוב'סטער פון אלעמען, פון אלע אייניקלעך, ר' זלמן!

(השואל: ער איז געווען אין איין צייט מיט ר' אייזיקל באררדיטשובער - הנ"ל)? יא אין איין צייט, איי ער איז געווען א אנדערע סארט מענטש, רבי אייזיק איז אויך געווען א (אדם

---

[לו] עי' אידרא רבה דף קכ"ח ע"ב, ועי' ליקוטי מוהר"ן תנ' ס"ז אות א'.

חשוב), רבי אייזיק איז געווען נאך מער מיוחס פון איהם, אבער ער איז געווען א אנדערע סארט מענטש.

* * *

די אלע אייניקלעך וואס זענען היינט איז אלס פון שרה'קע, "יצחק געלבאך", און די "בארסקי" אייניקלעך (צאצאי רבי נתן ב"ר שמשון בארסקי ז"ל שעלה לאר"י), איז אלס פון שרה'קע.

שרה'קע האט געהאט א זוהן, ער האט געהייסן ר' אפרים, (ר' נחמן בורשטיין: רבי אפרים דאס איז דער וואס רבי נתן דערמאנט איהם אין די בריוו?)[לז] יא יא! און ער האט געהאט א טאכטער וואס האט געהייסן 'פיגא' (אשת ר' ישראל מנחם בארסקי ז"ל), און א זוהן האט ער געהייסן 'רבי נחמן', רבי נחמן דאס איז רבי געצע'ס אייניקלעך (כי בתו של ר' נחמן - מרת אסתר - נישאה לר' געצע), און פיגא דאס איז רבי שמשון'ס (בארסקי) אייניקלעך, ר' שמשון'ס מוטער האט געהייסן 'פיגא' ר' אפרים'ס טאכטער, און ר' געצע'ס פרוי 'אסתר' איר פאטער האט געהייסן ר' נחמן - ר' אפרים'ס א זוהן!

(השואל: און איר האט איהם געקענט דעם ר' נחמן'ען - ר' געצע'ס שווער?) יא איך האב איהם געקענט "דער אלטער נחמן", (כך היו מכנים אותו), איך האב איהם געקענט פון טשעהרין!

*

(ר' נחמן בורשטיין: רבי שמשון'ס שווער - "רבי נחמן שפאג" - איז נישט געווען קיין אייניקל?) ניין ניין, ער איז נישט געווען קיין אייניקל! (רנ"ב: פון וואנעט שטאמט ער?) ער איז פון די עלטערע חסידים געווען! (רנ"ב: אויך פון רבי'נס צייט?) יא, ער איז געווען א חסיד! מערער ווי ר' שמשון'ס פאטער, ער איז געווען א מנגן א גרויסער, אה, א געשמאקייט פון א אידן, ער איז געווען מער עובד! (רנ"ב: ער פלעגט קומען אין אומאן פלעגט ער זינגען זמירות מיטן עולם), יא, ער איז געווען א גרויסער מנגן, אה, א ניגון אזא פונקטליך געפאסט פונקט אזוי, "רבי נחמן שפאג", ער איז געווען א "וויניצע'ר" איז ער געווען.

---

[לז] עי' מכתב תנ"א.

זי האט געלעבט ביז נישט לאנג, עטליכע יאר וואס זי איז געשטארבן - אין רוסלאנד - ר' שמשון'ס פרוי, זי איז אלט געווען אפשר 'זעקס-זיבן און ניינציג יאר', רבי נחמן שפאג'ס א טאכטער!

יא, מיר רעדן היינט אסאך פון יחוס, נאר דאס איז אויך גוט!

*

(השואל: ווי אזוי איז געווען "רבי ישראל וויינבערג" אן אייניקל?) פון ר' נחמן חיה'לעס! זיין טאטע, איז געווען רבי נחמן'ס אן איידעם, רבי ישראל וויינבערג'ס טאטע "רבי שמחה דוד" האט ער געהייסן, ער איז געווען ר' נחמן'ס אן איידעם. (השואל: זי - אשת ר' שמחה דוד - איז א שוועסטער פון די יוטא - הנ"ל?) יא יא.

(ר' נחמן בורשטיין: און ווער איז געווען דער ר' נחום - בעלה של יוטא?) ס'איז געווען ר' נחום קאַהן, ר' שלמה נתן קאַהן, אין טעפליק, א משפחה פון כהנים! זי איז געווען א שנור ביי די קאהן'ס, ביי די משפחה - די 'יוטא'. זיי זענען חסידים געווען, פון אונזערע לייט, שיינע חסידים, ס'האט זיך געצויגן ביז'ן רבי'ן, ס'האט זיך געצויגן דורות ביז'ן רבי'ן, זיי זענען נאך געפארן צום רבי'ן!

(ר' נחמן בורשטיין: ווער[?]מען האט דער רבי געהאט אלץ אין טעפליק "צבי טעפיליקער", "מרדכי טעפליקער"), "נתנאל טעפליקער", ס'איז געווען משפחות, (ר' נחמן בורשטיין: ר' נחמן נתנאל'ס) יא יא, ר' נחמן נתנאל'ס.

*

# 'אור בהירות הדרך'

ס'פלעגט פארן אין מיינע צייטן - זענען געפארן פון טעפליק "זיבעציג-אכציג" מענטשן אויף ראש השנה, פון טשעהרין איז געפארן נאך מערער, פון ברסלב איז געפארן אזא שיינע פינעף-זעקס מנינים, פון טולטשין איז געפארן אן עולם מענטשן, פון באַרדיטשוב איז אנגעקומען, און פון פוילן!

ס'איז געקומען א גאנצער וואגאן פון פוילן, תרע"ה איז געקומען פון פוילן א וואגאן, עקסטער אַן אפגעשלאסענער וואגאן (מיוחד לאנ"ש), און זיי האבן זיך אריינגעזעצט אין לובלין, אין ווארשע, און זיי זענען אראפגעגאנגען אין אומאן!

אז די באן האט זיך געביטן, האט מען דעם וואגאן צוגעטשעפעט צו די אנדערע באן, אז מען דינגט א וואגאן - דער וואגאן פארט ביז אומאן, ס'קאסט עפעס מערער.

זיי האבן דארטן געדאווענט, און געטאנצט, און געלערענט! דער קאנדוקטער פלעגט אפילו נישט אריינגיין אויך, ער האט אפגענומען דעם בילעט דארטן באלד איןווארשע, צו אין לובלין, און זיי זענען אראפגעגאנגען אין אומאן! דער קאנדוקטער פלעגט אריינקומען, ער האט שוין געוואוסט, אויב ער איז אריינגעגאנגען האט ער געטאנצט מיט זיי צוזאמען! ס'איז געווען א געוואלדיגער... גענומען א וואגאן פון לובלין ביז אומאן!

(השואל: ר' יוחנן גאלאנט זאגט אז ער געדענקט אז ס'איז אריינגעקומען דער וואגאן אין אומאן, און זיי האבן 'געפויקט', ארויסגעלאזט די הענט פון די פענסטער, זיי האבן געקלאפט אזוי פון דרויסן, געפויקט, געזונגען!...) יא, ס'איז א שיינע זאך געווען! ארויפגעזעצט אין לובלין און אראפגעגאנגען אין אומאן!

(השואל: וויפיל פלעצער איז דא דארט, פערציג?) מערער, א לאנגער וואגאן געווען!

זיי זענען געפארן עטליכע טעג, זיי האבן געקענט דאווענען און לערנען!

אויפ'ן וועג צוריק ווייס איך נישט, ווייל אויף צוריק זענען שוין נישט געפארן אלע צוזאמען קריק, ארימעלייט, קיינער האט נישט געהאט אויף הוצאות, האבן זיי געדארפט מאכן אויף הוצאות קריק, דער האט געוואלט בלייבן אויף יום כיפור, דער אביסל ווייניגער, ס'איז געווען שוין חילוקים, קריק איז שוין שווער.

(השואל: ווי לאנג האט עס געדויערט?) עטליכע טעג, ווען זיי פארן גלייך קען מען פארן אין איין טאג, אבער אז מען דארף בייטן די וואגאנען, ממילא דארף מען שוין ווארטן אויף די אנדערע באן.

*

# 'אל תתהדר לפני מלך'

ס'איז געווען א שיינער עולם געווען, אין מיינע צייטן איז געווען א שיינער עולם אויף ראש השנה, אה, די גאנצע שול איז געווען געפאקט, און דער פאליש איז אויך געווען געפאקט מיט מענטשן, א שיינער עולם געווען, ס'איז געווען א דאווענען, ס'איז געווען א דאווענען, אה!

ס'איז א שיינער לעכטיגער דאווענען געווען! אה, אה.

נאך א זאך, די אלע 'עובדים' זענען געווען שטיל ראש השנה! (השואל: אפילו ר' ברוך געצע'ס?) אפילו ברוך אויך!

רבי געצע האט געזאגט: "ראש השנה, ראש השנה! אל תתהדר לפני מלך![לח] דאס איז היינט דעם רבי'נס ראש השנה"!

אבער ס'איז געווען א געשמאקער דאווענען! מען דאווענט מיט א התעוררות, אבער זיי זענען דאך אויסנאמס, זיי פלעגן דאווענען מיט קולי קולות (- בכל השנה) ס'איז געווען א געשמאקער דאווענען פון אלעמען! א געשמאקער דאווענען! ס'האט אזוי געשמעקט דער דאווענען, אז ס'איז געווען א חיות!

אבער אלע צוזאמען האבן געדאווענט! א עובד דאווענט דאך אנדערש, מיט קולות, מיט קולות משונות, ראש השנה האט מען דאס נישט געהערט! אלע עובדים האבן מיר געענטפערט: "ס'איז דעם רבי'נס ראש השנה, דארף מען נישט ארויסגעבן מיט קיין קולות, גלייך מיט אלעמען"![לט]

איך געדענק דאך דעם דאווענען פון ראש השנה, אזא מין התעוררות'דיגער דאווענען, לאנג געדויערט דאס דאווענען.

(ר' נחמן בורשטיין: ביי די שטילע שמונה עשרה האט מען נישט געדאווענט העכער?) אסאך האבן געדאווענט הויך, מיט בכיות! מען האט געדאווענט, ס'איז געווען א געשמאקער דאווענען, רבי אלטר (טעפליקער) - יעדעס ווארט האט מען געהערט פון זיין שמונה עשרה...[מ]

* * *

---

[לח] משלי כ"ה, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ' אות י' תיקונא תליתאי.

[לט] עי' שיש"ק ח"ו אות רס"ג.

[מ] (עי' מטה אפרים סי' תקפ"ב סעיף כ"ז, או אולי דמתוך התלהבותו בתפלה לא הרגיש בדבר).

# 'מרבה נכסים'...

(כאן חסר קצת) - - - (ר' נחמן בורשטיין: רבי נתן שרייבט אין א בריוו צו ר' יצחק'ן, ער זאל מודיע זיין ר' מרדכי'לע פון טולטשין אז ער זאל זאגן קדיש נאכן פאטער - ר' שמואל פון טעפליק),[מא] דאס איז נישט דער "רבי שמואל טעפליקער" (תלמידו של רביז"ל).[מב]

דער "רבי שמואל טעפליקער" האט געהאט א זוהן רבי נחמן, מען האט איהם גערופן "שפילבאנד", שפילבאנד איז געוועזן זיין פאמיליע.

דער רבי נחמן (ב"ר שמואל טעפליקער) איז געווארן א גביר, דער פאטער איז נפטר געווארן, איז ער געווארן א גביר, האט ער זיך געמאכט א "זיידענע דעקע", און געקומען צו ר' נתן'ען, א "דעקע" הייסט א "פוטער" איבערגעצויגן מיט א "זייד", אונטן גייט א פוטער, אזא שיינער פוטער, און אויבן מאכט מען א "דעקע", מען קען מאכן א דעקע פון א פראסטע דעקע, און מען קען מאכן א דעקע פון "זייד", די רבי'ס מאכן אזוי.

האט ער געמאכט א דעקע פון זייד, און געקומען צו פארן צו רבי נתן'ען אויף "שמחת תורה". (ר' נחמן בורשטיין: נישט אויף ראש השנה איז עס געווען?) ניין ניין, ער איז געקומען צו רבי נתן'ען, סוכות איז שוין קאלט, איז ער געקומען אזוי צו פארן.

רבי נתן האט אנגעקוקט די דעקע מיט דעם זייד, האט רבי נתן איהם געפרעגט דארטן: "וואס קאסט דארטן די פעל"? - אזוי! "וואו וועסטו אריינהעגען דעם פוטער? מוזטו דאך שוין מאכן א נייע שאנק, ווארום די שאנק וואס דו האסט, פאסט נישט אריינצולייגן אין דעם דעם פוטער, מוזטו האבן א נייע שאנק אריינצוהעגען דעם פוטער, אז דו וועסט שוין האבן א נייע שאנק וועסטו שוין דארפן מאכן אנדערע בעטן אויך, און מאכן א אנדערע שטול! יעצט מאך א געשעפט (- א חשבון): טאמער האסטו אביסל געלט, איז נישט מספיק אויף דער זאך וואס דו דארפט איצטער מאכן אין שטוב"!!! האט ער איהם געמאכט אזא מין סדר - אז ער גאר אן ארימאן!...[מג]

---

[מא] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת אות מ"ז.

[מב] עי' חיי מוהר"ן אות קנ"א, קנ"ג, קס"ג. כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל', ושם באות כ"ג (ב'), ל"ז (ב').

[מג] עי' שיש"ק ח"ב אות תרמ"ב, וראה עוד מענין זה ליקוטי הלכות הל' חזקת מטלטלין ג' אות ב': **אַךְ תֵּכֶף כְּשֶׁה' יִתְבָּרַךְ מַזְמִין לוֹ אֵיזֶה פַּרְנָסָה ... וְתֵכֶף שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּם מַלְבּוּשׁ הוּא מִתְאַוֶּה וּמִסְתַּכֵּל שֶׁיִּהְיוּ לוֹ מַלְבּוּשִׁים**

אז די דעקע וואס ער האט איצטער געמאכט, וועט ער דארפן האבן צו דעם אזוי און אזוי, האסט דאך נישט אזוי פיל געלט! קומט אוים די ביסט גאר אן ארימאן!...

* * *

# "דער וואס האט נישט קיין געלט"...

- - - (מספר מהתקופה בו שהה במחנות העקורים בדייטשלאנד אחרי השואה) דייטשלאנד, זיי האבן געזעהן אידן מיט א לאנגע בארד, מיט פיאות, האבן זיי מיך געפרעגט: "דאס איז ביי אייך די ערשטע בארד"?... (- שלא גילח זקנו מקודם), האב איך געענפערט: "יא, דאס איז ביי מיר די ערשטע בארד"! (הם תמהו:) "ווי קען דאס זיין, א איד פון רוסלאנד זאל קומען מיט די ערשטע בארד"?!

ער איז דארטן געווען - דער רב פון 'חוג' (חוג חתם סופר), 'הרב אונגאר', זיי זענען פינעף ברידער מיט א שוואגער, זיי זענען אלע געוועזן דעמאלטס צוזאמען, זיי האבן זיך געהאלטן צוזאמען, האבן זיי געוואלט הערן נאר שמועסן פונעם רבי'ן! זיי האבן גערעדט פון די תורות!

(השואל: אין וועלכן געגענט זענט איר געווען?) 'רייכענהאַל'! דאס איז געווען דער לאגער פון היטלער'ן ימ"ש, דאס איז זייער א רייכער לאגער געווען, דער רייכסטער לאגער, היטלער האט געהאט דארטן א מיליטער, זייער רייך געווען דארטן, דארט זענען זיי געווען אין דעם לאגער, 'רייכענהאל'!

(השואל: אינעם רבי'נס זאך האט איר קיינעם נישט געהאט דארטן? מקורבים?) פארקערט, דארטן האב איך געהאט! יא, איך האב געהאט אסאך מקורבים, אסאך מקורבים! מען האט גערעדט!

דעם "ליקוטי מוהר"ן" האט מען דארטן געדרוקט! ער האט איהם דארטן געדרוקט, ער איז שוין נפטר געווארן, "הערשל רייכמאן" (לימים ממייסדי הביהמ"ד בבארא פארק, ארה"ב), האט ער פארקויפט ביי אונז אין לאגער הונדערט צעהן ליקוטי מוהר"ן'ס! און מען איז געזעצן ביים טיש און געלערנט א שיעור ליקוטי מוהר"ן, האט יעדער איינער געהאט א ליקוטי מוהר"ן פאר זיך! אלע נאכט!

---

נָאִים וְאַחַר כָּךְ מִתְאַוֶּה לְדִירָה נָאָה וּלְכֵלִים נָאִים וְאַחַר כָּךְ לִכְלֵי כֶּסֶף וְתַכְשִׁיטִין וְאַחַר כָּךְ לְתַכְשִׁיטִין יְקָרִים. וּבְכָל פַּעַם דַּאֲגָתוֹ וְחֶסְרוֹנוֹ יוֹתֵר גָּדוֹל ... עיי"ש בארוכה.

**ס'איז געזעצן א גרויסער עולם מענטשן, און איך האב געזאגט א שיעור ליקוטי מוהר"ן פאר זיי, און דאס איז געווען אלץ דורך הערשל רייכמאן! ער האט אפגעדרוקט דעם ליקוטי מוהר"ן און פארקויפט!**

**ווען ער איז געווען קראנק, האב איך איהם געשריבן א בריוו: "ער זאל זיך מחיה זיין מיט דער זאך, וואס ער האט צושפרייט"![מד]**

(השואל: "שבחי הר"ן" האט ער אויך געדרוקט דארט?) **יא יא, אלץ דער הערשל!** (אחד מהנוכחים: דאס איז געווען א קאפיע פון דעם "אפטער ליקוטי מוהר"ן") **יא יא, דאס האט ער אפגעדרוקט!** (השואל: אזוי? דאס איז פון דייטשלאנד דער שבחי הר"ן?) **יא, דאס פון די קליינע אותיות.**

(השואל: "משיבת נפש" אויך?) **משיבת נפש, שיחות הר"ן, תיקון הכללי'ם, אלץ האט ער אפגעדרוקט דער הערשל!**

**יא, ער האט גרויסע זאכן געטוהן דארטן, און ער איז געקומען צו אונז אין די מחנה אריין, האט ער פארקויפט הונדערט צעהן ליקוטי מוהר"ן'ס, אין רייכענהאל!**

**אידן האבן געקויפט ליקוטי מוהר"ן'ס אויף צו לערנען, מיט שיחות הר"ן, און מען איז געזעצן א טיש מיט אידן, און יעדער האט געהאט א ליקוטי מוהר"ן, און מען האט געלערנט ליקוטי מוהר"ן א שיעור אלע נאכט!**

(אחד הנוכחים: ר' הערשל וואסילסקי זאגט אז הערשל רייכמאן האט געזאגט אז "נאכ'ן רבי'נס ציון איז ער גרייט אוועקצוגיין פון דער וועלט"), **וואס האט ער געדארפט זאגן די ווערטער?!**

**אוודאי, אז ער איז געווען ביים רבי'ן ביים ציון, איז איהם א גרויסע טובה דארטן! און אז ער האט אפגעדרוקט דעם ליקוטי מוהר"ן! ס'איז 'אינו דומה' אפדרוקען אין אמעריקע - און אפדרוקען אין דייטשלאנד, אין אזא מין מצב!**

*

[מד] עי' תמימי דרך מכתב כ"ט, מה שכתב רלוי"צ אליו בעת חליו: ... **הרבה אנשים החיית בהליקוטי מוהר"ן שלך בדייטשלאנד ברייכינהאל, מכרתי יותר ממאה ליקוטי מוהר"ן'ס, ולמדנו שם ביחד כמה מנינים שיעור ליקוטי מוהר"ן, והכל על ידך, גם זכית להיות על ציון הקדוש, על כן חיוב גדול עליך להרבות בשמחה, ממש כמו שאדמו"ר זצ"ל מדבר עמך, האלט זעך און שטארק זעך, אבי מען וועט זיך האלטן, יש ענין שנהפך הכל לטובה...**

(אחד שואל: פון וואנעט האט ער געקומען די געלט? מען האט געארבעט דארטן?) **דאס דארפטו נישט פרעגן! "דער וואס ער האט געלט דער טוהט אנדערע זאכן, דער וואס האט נישט קיין געלט דער דרוקט ספרים"!**

ס'איז דא א ווארט פונעם "חזון איש", ער האט געזאגט צום "פאניוועזש'ער רב", ער איז געקומען אהער צו (לארה"ק), אז ער איז געקומען האט ער געהאט פינעף תלמידים! און ער האט נישט געהאט קיין געלט, איז ער אריין צום חזון איש און געזאגט: "ער האט נישט קיין געלט, ער וויל מאכן א ישיבה"!

**האט איהם דער חזון איש געזאגט דאס ווארט: "דער וואס האט געלט דער בויעט פאבריקן, דער וואס האט נישט קיין געלט דער מאכט ישיבות"!**

ס'איז א ווארט ארום געגאנגען - דער חזון איש האט איהם אזוי געענטפערט: "דער וואס האט געלט דער מאכט פאבריקן, דער וואס האט נישט קיין געלט דער מאכט ישיבות"! האט ער געמאכט א ישיבה! א קלייניקייט?!

*

אה, ער האט א גרויסע זאך געטוהן, ס'קען זיין אז דארטן איז איהם לעכטיג פון די זאך וואס ער האט אפגעטוהן אין דייטשלאנד! א טייערע זאך געווען!

(השואל: ער האט אויך גערעדט דארט?) יא! ער פלעגט קומען רעדן, אוודאי, ער האט גערעדט! לערנען א שיעור אין ליקוטי מוהר"ן האט ער נישט געקענט, אז מען האט אנגעהויבן לערנען א שיעור האט ער שוין גערעדט!

זיי האבן געוואלט לערנען א שיעור טאקע, זיי האבן געוואלט לערנען א שיעור ליקוטי מוהר"ן, ס'איז געווען אזעלכע צייטן וואס זיי האבן זיך אנגערופן: "שכינה מדברת מתוך גרונו" - אויפ'ן רבי'נס דיבורים!

נו, און דאס איז אלץ געווען מיט'ן כח פון הערשל'ען, וואס ער האט געבראכט ליקוטי מוהר"ן'ס!

(השואל: אזוי האט קיינער קיין ליקוטי מוהר"ן נישט געהאט?) וואו איז געווען ליקוטי מוהר"ן'ס? מען האט גארנישט געהאט! גארנישט!

*

(השואל: ער איז אנגעקומען דא קיין אר״י אויך?) ער איז געווען ביים רבי׳ן אויפ׳ן ציון, איז ער געווען נאכדעם דא! ער איז געווען פון אומאן, ער איז נעבעך שלאַף געווארן, ער האט געהאט די מחלה הידועה, און ער איז נפטר געווארן.

איך האב געהאט מיט איהם א קשר, מיט הערשל׳ען עליו השלום, א טייערער אינגערמאן געווען, אך, אזא מין הארץ צום אויבערשטן געהאט!

* * *

# ׳חייכית בהון בעותרא בהאי עלמא׳

- - - (משוחחים אודות איזה רב בעיר מאסקווע בזמן שהותו של ר׳ לוי יצחק שם, כשברח מאומאן אחר שמסרו אותו לשלטונות), ער איז געווען א רב, מען האט איהם גערופן מאסקווע׳ר רב, מען פלעגט איהם פרעגן שאלות מער ווי אן אנדערן, מיר האבן זיך אויפגעהאלטן ביים איהם, גענעכטיגט, ער איז א געוואלדיגער בעל מכנים אורח געווען.

(השואל: און יענער מסור האט זיך שוין מער נישט געדרייט דארטן? איר האט איהם מער נישט געזעהן?) וואס ווערט פון די מוסרים דער סוף? וואס ווערט פון זיי דער סוף?! איך וויים - ס׳ווערט פון זיי גארנישט די אלע מוסרים! זיי גייען נאכדעם אין דער ערד אריין! ווייל ער קען דאך נישט מסר׳ן גענוג, זיי (השלטונות) ווילן דאך נאך מער און נאך מער, נעמען זיי זיך צו איהם אליין!

געווים אזוי, די אלע מוסרים האבן א מפלה פון זיי אליין, ווייל ער איז א מסור, אבער ער שטעלט דאך זיך אפ, (און זיי ווילן) ״גיב נאך, און גיב נאך״! ״הב הב, הב הב״! און ער וויל דאך נישט געבן מערער, פארט פארט! ״אז דו ווילסט נישט? גיי״! אזוי איז דער סוף פון זיי, ״**על דאטפת אטפוך**״![מה]

(השואל: זיי האבן אלע געשטאמט פון פרומע פלעצער די מוסרים?) יא, דער פון מאסקווע, דער מסור איז געווען א ליובאוויטשער חסיד! (לפני שסר מהדרך רח״ל), ער פלעגט זאגן חסידות אין מאסקווע, זאגן חסידות! און ער האט הונדערטער מענטשן גע׳מסר׳ט, פון די ליובאוויטשער חסידים, ״גרויסע מענטשן״, ער האט זיי אלע גע׳מסר׳ט, איינגעזעצט אין תפיסה, אסאך האט מען גע׳הרג׳עט, פארשיקט, ווען ער איז אריינגעקומען אין שול זענען אלע צולאפן זיך.

[מה] עי׳ אבות ב׳ ו׳.

(השואל: דער וואס האט אייך גע'מסר'ט אין אומאן?) **נישט דער, דאס איז געווען אין אומאן, מען רעדט דאך פון מאסקווע.**

(השואל: ער האט זיך געוואלגערט ביי אונזערע לייט פריער, דער מסור פון אומאן?) **שוין, וואס דארף מען רעדן? דער איז דאך שוין געווים נישט דא, דארף מען רעדן?!**

(השואל: פרנסה האבן זיי געוואלט?) **זיי פלעגן געבן אלעס, זיי פלעגן געבן געלט, מיט כבוד, אלעס געגעבן! אבער דער סוף איז געווען אז ער איז געגאנגען אין דער ערד, דאס איז געווען דער סוף!**

(אחד הנוכחים: "חייכית בהון בעותרא בהאי עלמא, ולבתר קטילת לון")[מ] **"קטילת לון"! אזוי די אלע מוסרים, אין מאסקווע איז געווען א גבאי אין א שול, האט ער אלע גבאים גע'מסר'ט, צום סוף איז געווארן מען האט איהם אליין פארשיקט!**

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב** | מוה"ר **שמואל דוד ראפאפורט** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב** | מוה"ר **אברהם דוד שווארץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב** | מוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב** |
| מוה"ר **שמעון פריער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת הנכד למזל טוב** | מוה"ר **זושא רויטנבורג** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **אלחנן שלמה זלמן שווארץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | לע"נ ר' **נחמן** ב"ר **יעקב** ע"ה **דב**<br>נלב"ע ה' אייר תשע"ט<br>ת.נ.צ.ב.ה. |

[מ] עי' תיקוני הזוהר דף ק"מ ע"ב, מובא בליקוטי מוהר"ן תו' כ"ג.

## **פניה אל מע"כ הקוראים החשובים הע"י**

בעזהשי"ת אנו מתכוננים לקבץ כל השיחות שי"ל עד הנה, ולסדרם בספר מיוחד. וכבר אנו עומדים תלי"ת באמצע עריכת כרך הראשון שיוכלל בתוכו שלשים שיחות מסודרים משנת תשל"ד בעזהשי"ת.

וכמובן שזה עולה המון הוצאות, **על כן הננו מציעים לפני הציבור הרחב ההזדמנות לקנות זכותים נצחיים,** כגון הוצאות שיחה אחת או חלק מהם וכדומה, ושכרו יוכפל מן השמים עד בלי די, בזכות הצדיק האמת הנחל הנובע מקור החכמה, אשר מימיו הנאמנים נדלים ונשקים בשיחות היקרות האלו לרוות לב הצמאים לדבר ה'.

**לפרטים יש לפנות לר' יוסף מענדל האס**

**1-845-200-0443**

(מארה"ק; 072-257-3456)